בס״ד

# עונג שבת

פרשת אמור תשס״ט

גוט שבת אלע אידן. מר. יעקב גאלדבארט (נישט זיין עכטע נאמען) איז א איד פון אמעריקא וואס פאר אים איז זייער שווער געווען צו טרעפן דעם ריכטיגען זיווג, ל״ע. עטליכע יאר צוריק, האט יעקב געוואלט אנפאנגען א פרישע לעבן, און דערפאר איז ער געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל וואו ער איז געווארן א מלמד. דעמאלט האט געלעבט נאך דער צדיק הרה״צ ר׳ יצחק כדורי זצ״ל (וואס איז שפעטער נפטר געווארן ביי די 102) און יעקב האט געהערט וועגן זיין צדקות און זיין כח צו בענטשן אידן.

איין טאג האט יעקב זיך מיישב געווען אז ער גייט פארן צום צדיק רב כדורי צו בעטן א ברכה פאר א שידוך. ער האט געהאט איין טאג יעדע וואך (מאנטאג) וואס ער האט נישט געדארפט ארבעטן אין ישיבה. ער האט אנגעפאנגען צו פארן יעדע וואך מאנטאג צו פרובירן צו קענען אריינגיין צו רב כדורי. די שורה איז אבער אייביג געווען זייער לאנג, און ער האט קיינמאל נישט מצליח געווען אריינצוגיין! אייביג ביז מען איז אנגעקומען צו זיין נאמען אויף די ליסטע, האט מען שוין נישט אריינגעלאזט! יעקב איז געווארן זייער אנטוישט אבער ער איז געפארן נאכאמאל און נאכאמאל פרובירנדיג אריינצוגיין.

איין טאג האט יעקב באקומען א קאל פון אמעריקא. עס איז געווען דארט א יונגל ״משה״ (נישט זיין עכטע נאמען) פון צוועלף יאר אלט וואס האט געהאלטן באלד פאר׳ן ווערן בר מצוה, אבער דער יונגל איז געווען נעבאך זייער נישט געזונט, ל״ע און די דאקטוירים האבן נישט געטראכט אז ער וועט לאנג לעבן, ה׳ ירחם. בקיצור, האט דער יונגעל שטארק געוואלט מאכן זיין תפילין לעגן ביים כותל אין ירושלים. אבער, די משפחה האט נישט געהאט קיין געלט, ווייל אלעס האבען זיי ליידער געדארפט געבן פאר די דאקטוירים וכו׳.

יעקב האט געהערט אלעס און ער געטראכט אז אפשר וועט דאס זיין א זכיה פאר אים צו העלפן דעם יונגעל משה מיט זיין משפחה. וועגן דעם האט זיך אינטערגענומען צוזאמענצושטעלן דעם געלט צו קענען העלפן די משפחה מאכן די תפילין לייגן/בר מצוה ביים כותל. מיט העלף פון זיינע חברים, יעקב האט ערלעדיגט א קאר מיט א דרייווער, א שיינע הויז וואו זיי האבן געקענט איינשטייען מיט א בליק פונעם כותל. און יעקב מיט זיין חברים זענען געגאנגען נאך געלט ביז זיי האבן געהאט גענוג צו קויפן די עירפלאנן טיקעטס פאר די נסיעה פון אמעריקא פאר די גאנצע משפחה!

באלד דערנאך איז דער בר מצוה בחור משה אנגעקומען פון אמעריקא קיין ירושלים מיט זיין משפחה. זיי האבן גלייך געמאכט דעם תפילין לייגן ביים כותל און עס איז געווען א דערהויבענע מעמד. פלוצלינג נאכדעם וואס משה האט אויסגעטון די תפילין, איז משה געווארן זייער נתרגש. משה האט געזאגט צו זיין טאטען, ״טאטי, האסטו געזען יענעם מענטש?״

״וועלכע מענטש משה?״

״א מענטש איז אריבערגעקומען צו מיר און ער האט געזאגט אז טאמער איך קען גיין צו רב כדורי שליט״א, גיי איך האבן א רפואה שלימה!״

אפילו דער טאטע פונעם בחור האט נישט געזען קיין מענטש, און ער האט נישט געוואוסט וואס איז פארגעגאנגען, האט ער מסכים געווען צו נעמען זיין זון משה צו רב כדורי פאר א ברכה. דער טאטע פונעם בחור האט געבעטן פון יעקב ער זאל ערלעדיגן אריינצוגיין צו רב כדורי.

יעקב איז איבערראשט געווארן, ווייל ער אליינס האט אזוי שטארק געמוטשעט אריינצוגיין צו רב כדורי. צוליב דעם האט יעקב נישט געהאט קיין אהנונג ווי אזוי ער וועט עס קענען ערלעדיגן.

דעם נעקסטען טאג איז יעקב געווען אויפן וועג צו דער ישיבה ווען ער האט געטראפן א ידיד וואס ער פלעגט שמועסן מיט אים אויפן באס. די צוויי זענען נישט געווען נאנטע ידידים, און באמת האבן זיי נאר געקענט דעם צווייטן ביי די ערשטע נאמען. יעקב האט דערציילט דעם מעשה וועגן דעם בר מצוה בחור. יעקב האט ביז דעמאלט נישט געוואוסט, אבער דורך א מוראדיגע השגחה פרטית איז עס אויסגעקומען אז יענער איד איז א נעפיו פון רב כדורי! און יענער האט צוגעזאגט אז ער וועט זיי העלפן אריינגיין צו זיין פעטער!

שפעטער אינעם טאג, האט יענער גערופן יעקב צו זאגן די גוטע בשורה אז ער האט ערלעדיגט אז דער בחור משה מיט זיין טאטען זאלן קענען אריינגיין צו רב כדורי.

יעקב האט געזאגט צו זיין ידיד: ״ווייסטו אז איך אליינס דארף א ישועה און איך האב עטליכע מאל פרובירט אריינצוגיין צו רב כדורי, מעג איך אפשר מיטקומען און אריינגיין צו אים?״

״זייט מוחל יעקב... אבער מיין פעטער האט בפירוש געזאגט אז נאר דער בחור מיט זיין טאטען מעגן אריינקומען!״ (יעקב האט זיך לכאורה דעמאלט דערמאנט וועגן דעם באקאנטן אויסדרוק: ״א שאלה מאכט טרף.״) יעקב איז אנטוישט געווארן אבער ער האט אלעס מקבל געווען בשמחה. און ער האט געטראכט אז לכאורה עס איז דא א טיפע סיבה דערפון און עס איז ״מין השמים״ אז ער האט נישט געקענט אריינגיין צו רב כדורי דעמאלט. יעקב האט גלייך גערופן דעם בר מצוה בחור און זיין טאטען איבערצוגעבן די גוטע בשורה אז זיי האבן אן אפוינטמענט ביים צדיק.

דעם נעקסטען טאג אינדערפרי, זענען משה און זיי טאטען געווען ביים צדיק רב כדורי. רב כדורי האט אויסגערעכענט אפאר סגולות און זאכן וואס זיי זאלן טון. איינס איז געווען אז מען זאל צוגעבן א נאמען צו משה און ער זאל עסן ״סי–וויד״ (א מין גראס וואס וואקסט אין דעם ים). און רב כדורי האט אויך גענומען שרייבן א קמיע פאר משה. רב כדורי האט געהייסן אז מען זאל אריינלעגן דעם קמיע אין א תכשיט פון אכצען קאראט גאלד און דער בחור זאל עס האלטן אייביג ביים אים ביז זיין חתונה. און נאך מער, האט רב כדורי געהייסן אז מען זאל זאגן פאר די דאקטוירים אז זיי זאלן מאכן נאך איין מער אפעראציע און די מאל זאל מען אינגאנצען ארויסנעמען די געוויקס פון די לינגען.

״אבער די דאקטוירים זאגן אז די רגע וואס הייבט אן צו אפערירן וועט ער ח״ו שטארבען...״ האט דער טאטע מסביר געווען מיט גרויס זארג צו רב כדורי.

״השם איז דער אמת׳ע דאקטור, און השם וועט אים ראטעווען. דעם געוויקס מוז מען ארויסנעמען!״ האט רב כדורי געזאגט.

משה און זיין טאטע זענען צוריקגעפארן קיין אמעריקא מיט א פרישע האפענונג. זיי זענען גלייך געגאנגען צום דאקטור.

דער דאקטאר האט אבער געזאגט: ״די קרענק האט זיך פארשפרייט צו פיל אין זיין גוף, און איך קען נישט ארויסנעמען דעם געוויקס, ווייל דורך דעם גיי איך אים הרגענען!״

משה אליינס האט זיך אנגערופן און געזאגט, ״איר זאגט מיר אז איך האב נאר געציילטע וואכן צו לעבן... אויב אזוי, פארוואס זאל מען עס נישט פרובירן?״ דער דאקטור, וואס איז זייער שטארק נתרשם געווארן פונעם שטאלצקייט פונעם בחור, האט מסכים געווען צו אפערירן אויף משה.

נאך די אפעראציע, איז דער דאקטור ארויסגעפלויגן פונעם אפעראציע צימער און ער האט געפרעגט משה׳ס טאטען: ״ווער האט דיך צוגעזאגט אז די אפעראציע וועט אויסקומען אזוי גוט?!? ווען מיר האבן געמאכט די אפעראציע, האבן מיר אנטפלעקט אז די גאנצע געוויקס האט זיך איינגעזאמעלט אין איין פלאץ אינעם גוף און מיר האבן עס ארויסגענומען אזוי ווי מען קלויבט אן אפעל פון א בוים... ער וועט לעבן!״ די משפחה׳ס אמונת צדיקים איז פארשטייט זיך שטארק נתחזק געווארן. און היינט האט משה שוין חתונה געהאט און ער לעבט געזונטערהייט מיט זיין משפחה ביז דער הונדערט צוואנציג! וואס איז אבער געווארן מיט יעקב׳ס שידוך? פאר דעם מוז מען ווארטען ביז נעקסטע וואך שבת!

מען זעט פון דער מעשה דעם כח פון א צדיק. ד״ה, הרב כדורי׳ס בחינה פון רוח הקודש. מיר ליינען וועגן די קדושה פון די כהנים אין די היינטיגע פרשה. דער מאור ענים ז״ע ברענגט די וואך אז א צדיק איז א בחינה פון א כהן. אויך דרשענט די מדרש אויף די פסוק ״...ואמרת אלהם לנפש לא יטמא בעמיו.״ (ויקרא כא,א) אז ״אבל למת מצוה ולצדיקים ולחכמים אין להם טומאה,״ ד״ה אין טומאה לצדיקים – צדיקים זענען נישט מטמא. (מדרש אגדה, אמור נ״ב). פון דא זעט מען אז די הייליגע צדיקים האבן א באזונדערע קשר צום רבונו של עולם. וועגן דעם איז עס כדאי צו האבן א נאנטען שייכות צום צדיק. ווייל דורך האבן א נאנטע התקשרות צו צדיקים קענען מיר אלע ״אריינכאפן״ אין זיין הייליגקייט. דאן וועלן מיר אלע נתעלה ווערן אין קדושה און טהרה מיט געזונט פרנסה און נחת. גוט שבת אלע אידן.

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)**

**<u>נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!</u>**